# פרשת בשלח ז' - י"ג שבט תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת בשלח***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן רי"א סעיף ג') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, דבר נא באזני העם, וישאלו איש מאת רעהו, ואשה מאת רעותה, כלי כסף וכלי זהב (שמות יא-ב). און אזוי האבן יודען געטון, ובני ישראל עשו כדבר משה, וישאלו ממצרים, זיי האבן געליגן, כלי כסף וכלי זהב (שם יב-לה). רש"י ברענגט צו א גמרא (ברכות ט.), אז דער אייבערשטער האט געזאגט, בבקשה ממך, איך בעהט פון דיר משה רבינו, בבקשה מכם, בעהט פון יודען, אז מען זאל לייען פון די מצריים כלי כסף וכלי זהב, שלא יאמר אותו צדיק, אברהם זאל נישט זאגן, ועבדום וענו אותם קיים בהם, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם.

**דער חתם סופר** (**בתורת משה** פרשת בא מ.) שטעלט זיך, צו וואס האט דאס דער אייבערשטער געדארפט בעטן אז מען זאל בארגען, די הלכה (יו"ד רכח-לט) איז, אז ווען א מענטש איז שולדיג פאר יענעם געלט, און יענער זאגט אים הריני כאילו התקבלתי, עס איז כאילו איך האב עס באקומען פון דיר, דארפסט עס מיר נישט געבן, איז ער פטור צו באצאלן פאר יענעם. דאס איז טייטש, ווייל איך האב דיר געוואלט געבן, און דו האסט געזאגט אז דו דארפסט עס נישט, אז דו דארפסט עס נישט, איז עס נישט כאילו דו האסט עס נישט באקומען, ווייל דו האסט עס מיר מוחל געווען, נאר עס איז כאילו דו האסט עס באקומען, הריני כאילו התקבלתי. איך האב עס גענומען, און איך געב עס דיר צוריק. עס פארלאנגט זיך נישט אז ער זאל עס נעמען פון דיר און צוריק געבן, נאר קענסט עס האלטן ביי דיר מעיקרא. עס ווערט גערעכנט ווי ער האט אפגעצאלט יענעם דעם חוב.

**דאס** איז טייטש, אז למשל ווען א מענטש האט געמאכט א נדר אז ער גייט יענעם עפעס געבן, און יענער זאגט אים, הריני כאילו התקבלתי, האט ער מקיים געווען דעם נדר. עס איז נישט אז ער האט אים געשטערט זיין נדר, נאר יענער האט עס אים געוואלט געבן, און ער האט עס גענומען. דער אייבערשטער האט זיי צוגעזאגט, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, ער האט עס זיי געוואלט געבן, און אויב זיי ווילן עס נישט נעמען, איז נישט. פארוואס האט דער אייבערשטער געבעטן בבקשה ממך, אז מען זאל בעטן אז מען זאל ארויסגיין מיטן געלט.

**עס** שטייט אין **אבן עזרא** (פרשת שמות), דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, והיה כי תלכון לא תלכו ריקם (שמות ג-כא), יש מתאוננים, עס איז דא וואס רעדן זיך אפ, אבותינו גנבים היו, אז אונזערע עלטערן זענען געווען גנבים. מען איז געגאנגען צו די מצריים, און מען האט געבעטן פון זיי, אז זיי זאלן לייען כלי כסף וכלי זהב, און צום סוף איז מען ארויסגעגאנגען פון מצרים, און מען האט זיי נישט צוריק באצאלט, עס איז גניבה. זאגט דער הייליגער אבן עזרא, אז דאס איז נישט ריכטיג, עס איז נישט קיין גניבה. ווייל דער באשעפער איז דער בעל הבית אויף דער וועלט, דער אייבערשטער קען טוהן אויף די וועלט וואס ער וויל. ער קען געבן פאר יעדן וואס ער וויל, און ער קען עס צונעמען ווען ער וויל. ער האט דאס געגעבן פאר די מצריים, און ווען ער הייסט פאר יודען אז מען זאל דאס נעמען ביי זיי, און מען קען אוועק גיין דערמיט, איז ער בארעכטיגט דערויף. עס איז נישט קיין גזילה, און עס איז נישט קיין רעה וואס ער האט געטון פאר זיי, עס איז געווען א טובה די אלע יארן וואס ער האט עס יא געגעבן פאר זיי. אז א מענטש ווערט אויסגעהאלטן פון יענעם, יענער גיט עס אים, און ער זאגט אים, יעצט געב איך עס דיר פאר א קורצע צייט, און יעצט וויל איך עס נישט געבן פאר דיר, איך וויל עס געבן פאר א צווייטן. א מענטש קען טון מיט זיין חפץ וואס ער וויל. דער אייבערשטער קען געבן פאר די מצריים, אזויפיל יארן האסטו עס, און יעצט וויל איך עס געבן פאר די יודען.

**און** דער אמת איז, אז דאס איז א רש"י אין אנהייב פרשת בראשית. רש"י שטעלט זיך, בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ (בראשית א-א), אמר רבי

יצחק, די תורה וואלט זיך געדארפט אנהייבן מיט די מצוה פון החודש הזה לכם, נישט מיט בראשית ברא אלקים. אלא כח מעשיו הגיד לעמו, לתת להם נחלת גוים (תהלים קיא-ו), דער אייבערשטער האט אונז געגעבן ארץ ישראל, שלא יאמרו, די אומות העולם זאלן נישט זאגן, לסטים אתם, עטץ זענטס לסטים, עטץ האטס כובש געווען ארץ שבעה עמים, און עטס נעמטס עס צו. זאגט מען ניין, בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, ער האט עס ענק געגעבן, און ער האט עס צוגענומען פון ענק. ער איז בארעכטיגט צו טון וואס ער וויל.

**און** דאס דארף אויך האבן א ביאור. מען וויל פארענטפערן, אז דער אייבערשטער איז דער בעל הבית אויף דער וועלט, און ער קען געבן פאר וועם ער וויל, און נתינת הארץ איז נישט קיין לסטים. דאס דארף זיין דער ערשטער פסוק אין חומש דאס צו פארענטפערן? עס קען שטיין שפעטער, ווען דער אייבערשטער האט צוגעזאגט צו געבן ארץ ישראל, זאל דארט שטיין א תירוץ דערויף, אז דער אייבערשטער איז דער בעל הבית אויף דער וועלט, און ער קען עס אוועקגעבן. פארוואס איז דאס די אנהייב פון די תורה? איז דאך דער טייטש, אז דאס איז די שפיץ פון די התחלת התורה. אלעס האב איך אויסגעלאזט, און איך הייב אָן מיט דעם. פארוואס איז דאס די נקודה פון די תורה.

**נאר** די נקודת הדברים דערפון איז, א מענטש מיינט אז כוחי ועוצם ידי עשו לי את החיל הזה. די וועלט האט דער אייבערשטער באשאפן, עס איז א טבע'דיגער וועלט. ווער עס ארבעט, און ווער עס פארדינט, און ער נעמט, דער האט. ער קען זיך אליין פארשאפן פאר זיך, און קיינער זאל אים נישט איינטיילן וואס ער האט צו טון מיט זיין געלט, מען זאל נישט צורירן דערצו. שפעטער ווען מען נעמט עס צו פון אים, האט ער א תביעה און א טענה פארוואס מען האט דאס פון אים צוגענומען. ווען א מענטש ווייסט אבער, כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל (דברים ח-יח), מיר האבן גארנישט אליין! אלעס וואס איך האב, איז פונעם אייבערשטען. אונזער לעבן, אז אונז עקזעסטיר מיר אויף די וועלט, אונז קען מיר אטעמען, און גיין, און טון, און שאפן, און ארבעטן, אלעס איז א כח אלוקי, דער אייבערשטער גיט אונז די כוחות דערצו. איין רגע זאל דער אייבערשטער צונעמען דער כח פונעם מענטש, בלייבט דאך גארנישט. קומט אויס אז וואס מען פארדינט, איז אלעס דעם אייבערשטען'ס. לה' הארץ ומלואה, דער אייבערשטער האט דיר געגעבן די חיות, און דער באשעפער גיט דיר דעם כח, אז דו זאלסט עס קענען האבן. וואס דו האסט ביי דיר אין שטוב, אלעס איז דעם אייבערשטענס. ער האט עס פאר דיר געגעבן, און דו האסט א רעכט זיך צו באנוצן דערמיט. און ווען דער אייבערשטער וויל עס צונעמען פון דיר, איז ער בארעכטיגט עס צו נעמען אויך.

**ווען** א מענטש לעבט מיט דעם, דעמאלטס איז עול תורה נישט ביים אים קיין עול, ער ווייסט אז אלעס וואס ער האט, האט ער באקומען פונעם אייבערשטען. און דער אייבערשטער זאגט, פאר די מצוה געב אויס כך וכך, פאר די מצוה לאז דיר קאסטן אזויפיל און אזויפיל, דא געב צדקה, דא קויף א אתרוג, דא קויף מצות וכדומה. און א מענטש פרעגט, אויף מיין געלט וואס איך האב זיך געפלאגט און געארבעט, לייגט מען אויף מיר ארויף אַ עול אז איך דארף עס אויסגעבן, פארוואס דארף איך אוועק געבן מיין געלט. אבער ווען ער ווייסט באמת, אז עס איז נישט זיין געלט, עס איז דעם אייבערשטענס. דער באשעפער האט דאס דיר געגעבן, ער האט דיר געגעבן א רעכט און א מעגליכקייט אז דו קענסט נהנה זיין דערפון, ער הייסט דיר אבער, אז מיט א חלק פון מיין געלט קויף דערפאר א אתרוג, צו געב עס אוועק פאר צדקה. קומט עס אים אָן גרינג אוועק צו געבן. און ער דאנקט דעם אייבערשטען, אויף וואס דער באשעפער האט נישט צוגענומען פון אים. וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן, דאנקט ער דעם באשעפער דערויף. און עס איז גרינג זיך צוריק האלטן פון גזל'ן יענעם'ס געלט, און ער פירט זיינע געשעפטן באמונה. ער ווייסט אז אלעס באקומט ער פונעם רבונו של עולם, און ער דארף טון וואס דער אייבערשטער האט אים געהייסען.

**איך** זאג אלץ א משל, אז דער טעלע"ר וואס שטייט אין די באנק, ער ווארפט זיך מיט טויזענטערס, און ער גיט פאר דעם און פאר יענעם. עס טוט אים נישט ווי' אפילו איין מינוט ווען ער גיט ארויס איבערן טאג מיליאנען דאלערס. עס איז נישט זיינס, עס איז די

באנק'ס. די באנק האט געהייסן געבן פאר דעם און געבן פאר יענעם, און ער גיט. עס באריערט אים אפילו נישט, דאס געלט איז נישט זיינס. ווען א מענטש זאל לעבן מיט דעם, אז די געלט וואס ער האט, איז נישט זיינס, ער איז א טעלע"ר פונעם אייבערשטען, וואלט אים נישט געאהערט קיין שום זאך וואס די תורה הייסט אז מען דארף אויסגעבן געלט. אז מען דארף דאס טון מיט דאס געלט, טוט ער וואס מען דארף צו טון.

**קומט** אויס אז דער תירוץ וואס מען זאגט פאר די אומות העולם, ווען זיי זאגן לסטים אתם, אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און ער קען טון מיט די וועלט וואס ער וויל. ער האט ענק געגעבן ארץ שבעה עמים פאר אזויפיל יארן, עטץ זאלטס עס אויפבויען. און ווען ער וויל עס נאכדעם אוועקגעבן פאר יודען, איז ער נישט קיין לסטים, ווייל דער אייבערשטער גיט דאס, און ער קען עס צונעמען. דעם תירוץ זאגן מיר אויך. דאס איז די יסוד פון די גאנצע תורה! אז מען לעבט מיט דעם יסוד, אז אלעס וואס מען האט, איז אין די הענט פונעם אייבערשטען, און דער באשעפער גיט עס פאר אונז, איז אים גרינג נאכדעם מקיים צו זיין כל התורה כולה.

**יודען** זענען ארויס געגאנגען פון מצרים, און מען דארף מקבל זיין די תורה. די תורה וועט זיין שוועֶר, עס וועט קאסטן געלט די אלע זאכען וואס די תורה פארלאנגט פון אונז. ווי אזוי וועלן יודען האבן דעם כח און איינשאפן אין זיך דעם געדאנק, אז וואס מען האט, איז פונעם אייבערשטען. האט דער אייבערשטער געזאגט, אז יעדער יוד זאל לייען געלט פון די מצריים, און ער האט זיך אנגעלאדנט תשעים חמורים מיט כלי כסף וכלי זהב פון די מצריים. ווען ער האט זיך אנגעקוקט אין מדבר, דאס איז דאך נישט מיינס, עס איז דאך די מצריים'ס, מען דארף דאך עס צוריק געבן. זאגט מען, ניין, דו דארפסט עס נישט צוריק געבן, עס איז נישט דעם מצרי'ס, עס איז דעם אייבערשטענ'ס. דער אייבערשטער האט דאס געגעבן פאר אים, און ער האט דאס געגעבן יעצט פאר מיר. האט ער זיך צוגעוואוינט דערמיט, אז וואס ער האט, האט ער באקומען פונעם רבונו של עולם. ווייל טאמער איך האב עס נישט באקומען פונעם רבונו של עולם, ווי אזוי קען איך צונעמען א זאך פון די מצרי. דער אייבערשטער האט געוואלט אז ווען מען גייט ארויס פון מצרים, זאל עס זיין דווקא אויף אזא אופן, אז מען זאל לייען איינער פונעם צווייטן, און עס נישט צוריק געבן, און דו ווערסט דאך האבן א קשיא פארוואס דארף איך עס נישט צוריק געבן, איך האב דאך דאס גענומען פון יענעם. וועט מען זאגן, ניין, דו האסט עס נישט גענומען פון יענעם, דו האסט עס גענומען פונעם אייבערשטען. דער באשעפער איז דער בעל הבית, ער האט עס געגעבן פאר אים, און יעצט האט ער עס געגעבן פאר דיר, וועט נאכדעם זיין גרינג מקיים צו זיין כל התורה כולה.

**ואהבת** את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך, א מענטש איז אמאל מחוייב אוועק צו געבן זיין גאנצע פארמעגן, ער זאל נישט עובר זיין אויף אן עבירה. ער מיינט אז ער גיט יעצט פארן אייבערשטען, דער באשעפער האט זיך ארויפגעלייגט אויף אים, אז פאר די מצוה דארפסטו יעצט אוועק געבן דיין גאנצע פארמעגן. ניין, דו האסט באקומען דעם פארמעגן פונעם אייבערשטען, דאנק דעם אייבערשטען אז ער האט דיר עס געגעבן ביז יעצט, און יעצט זאגט דער רבונו של עולם, ווען עס קומט די צייט, דארפסטו צוריק געבן מיין פארמעגן פאר מיר. עס קומט אים אָן גרינג נאכדעם מקיים צו זיין די גאנצע תורה. דער אייבערשטער האט געוואלט, אז מען זאל לעבן דערמיט, וועגן דעם האט ער געזאגט בבקשה מכם, איך בעט דיך. איך האב טאקע יוצא געווען מיין ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, צו מען וועט יא נעמען צו נישט נעמען, איך האב געוואלט געבן, און דו ווילסט נישט נעמען, האב איך אויך יוצא געווען מיין חיוב. איך וויל דאך אבער אז זיי זאלן נעמען, כדי זיי זאלן זיך געוואוינען מיט דעם לימוד וואס דאס בארגען וועט ארויסברענגען ביי זיי, אז מען האט עס באקומען פונעם אייבערשטען, און וואס מען האט, קען דער באשעפער צונעמען, און אוועק געבן פאר יודען, עס געהערט פאר זיי.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **משה יוחנן פאללמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **דוד ליזער** הי"ו, שהתקיים באולם כרם מנחם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **לייבוש גאטטעהרער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם שלמה באנדא** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת **הגה"צ רבי אהרן יודא בלום שליט"א** אב"ד קאשוי ומסב"ג, עב"ג בן הרב **משה ישראל וועבער** שליט"א, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת בשלח</u>***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אלימלך שווארץ** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סיגעט. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יעקב שלמה אייזענבאך** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהושע פנחס שווארץ** ז"ל, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי ישראל חיים אשרי שליט"א** רב דקהל תולדות משה, עב"ג בן **הרה"ג רבי דוד יהודה ראזנער שליט"א**, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת בשלח</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

***<u>יום רביעי פרשת בשלח</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל 'כינוס נשים כללי' לנשי הקהלה והמוסדות בבארא פארק, שנקרא על פי פקודת הקודש, לעורר ולחזק בדקי הקדושה והצניעות, וחינוך הבנים והבנות על דרך ישראל סבא, ונערכה באולם עטרת חי'.

המעמד נפתח על ידי הר"ר **חיים מאיר פראמאוויטש** הי"ו. אחר כך נשא דברים **הרב אלעזר יונה זילבערמאן שליט"א** אשר במשך שעה ארוכה דיבר במצב הזמן וחובת השעה לעמוד על בנינו ועל דורותינו.

אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קדשו מלהבות אש, הדרכה ומוסר בעניני הנהגת הבית, הזהירות מכלי הטעכנאלאגיע, חיזוק בדקי הצניעות בבגדי הנשים והשייטלע"ך – אל תטוש תורת אמך, ועוד.

***<u>וזה תוכן הדברות קודש:</u>***

**איך** וויל קודם באדאנקען פאר'ן חשוב'ן רעדנער, וואס האט אזוי שיין ארויסגעברענגט די אלע נקודות, פארוואס מען איז זיך צוזאמגעקומען. יעדער ווייסט מען איז זיך צוזאמגעקומען צו הערן דעם דבר ה', אונז זאל מיר זיך קענען מחזק זיין, און שטיין שטארק, אקעגן די היינטיגע נסיונות, וואס רירט אן כמעט אין יעדע יודישע שטוב.

**איך** בין היינט צופרי אויפגעשטאנען, און עס איז מיר אריינגעקומען א פסוק אין מויל, וואס דוד המלך זאגט (תהלים קה-ג), ישמח לב מבקשי ה', עס זאל דערפריידט ווערן די הארץ, פון די וואס זוכן דעם אייבערשטען. אויף די מינוט האב איך אזוי געטראכט, ווי פאסיג זענען די ווערטער צו דעם כינוס וואו די נשים צדקניות זענען זיך צוזאמגעקומען, וואס געהערן צו אונזער קהלה און מוסדות, וואס זיי זענען אלע מבקשי ה', זיי זענען געקומען הערן דעם דעת ה', הערן וואס די תורה פארלאנגט פון אונז. און ישמח לב, זייער הארץ דארף זיך פרייען, זיי דארפן זיך פילן גליקליך, אז זיי זענען זוכה צו זיין פון די וואס קומען זיך צוזאם, און זיי ווילן הערן הדרכה ווי אזוי מען פירט א יודישע שטוב.

**יעדער** וואס קומט אראפ אויף די וועלט, האט א אויפגאבע פארוואס דער אייבערשטער האט אים אראפגעשיקט, און דאס דארף ער ערפילען אין זיין לעבן. עס שטייט אין פרק (אבות ד-כא), אז די וועלט איז דומה אזוי ווי א פאר-צימער צום עולם הבא, און התקן עצמך בפרוזדור, כדי שתכנס לטרקלין. אויף די וועלט איז מען נישט אראפגעקומען זיך צו ענדזשויע"ן, צו מאכן געלט, הנאה האבן, און אנדערע תענוגים וואס א גוי לעבט. מיר זענען אראפגעקומען אויף די וועלט זיך צוצוגרייטן, אונז זאל מיר קענען אריינקומען אין די ריכטיגע זאל פונעם עולם הבא. און דאס איז געזאגט געווארן פאר יעדן איינעם.

**וואס** איז די תפקיד פון א אשה כשירה בישראל? וואס איז איר אויפגאבע אין איר לעבן? יעדער ווייסט וואס די תורה הק' (בראשית ב-יח) זאגט, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן אדם הראשון האט ער געזאגט, לא טוב היות האדם לבדו, עס איז נישט גוט אז דער מענטש איז אליין, אעשה לו עזר כנגדו, איך וועל אים באשאפן חוה, וואס זי וועט זיין א הילף צו אים. זכה עוזרתו, שטייט אין די גמרא (יבמות סג.). אז מען איז זוכה, איז די ווייב א עזר, זי איז א געהילף פארן מאן. א ערליכע יודישע פרוי, איז די גליק וואס איז דא אינעם שטוב. שרוי בלא אשה, ווען מען איז אליין, איז שרוי בלא שמחה, בלא ברכה, בלא טובה, בלא תורה, בלא חומה (יבמות סב:), עס איז נישט דא קיין גוטע זאך, אין א שטוב וואס מען איז אליין. אין א שטוב וואס איז דא א אמת'דיגע שלום בית, אין א שטוב וואו מען טוט צוזאמען אויפשטעלן דורות, דאס איז די שטוב וואס דארטן איז דא שמחה און ברכה און טובה, מיט יעדע דבר טוב וואס איז דא.

**עס** שטייט אין די גמרא (שם סג.), אז א פרוי האט צוויי אויפגאבעס. שמגדלות את בנינו, זי טוט ערציען אונזערע קינדער, ומצילות אותנו מן החטא, און זי איז מציל די שטוב פון זינדיגן. איש ואשה זכו, שכינה שרויה ביניהם (סוכה יז.), יעדע יודישע שטוב, אז מען איז זוכה, די מאן און ווייב פירן זיך אויפן ריכטיגן וועג, איז דא השראת השכינה אין די שטוב. איש האט א יו"ד, אשה האט א ה"א, דאס איז דעם אייבערשטען'ס נאמען וואס רוהט צווישן זיי, עס איז א בית המקדש וואו דער אייבערשטער רוהט.

**דער** קדשי קדשים איז געווען דער הייליגסטער מקום אין בית המקדש, וואו מען איז נישט אריינגעגאנגען דארט נאר איינמאל א יאר צו טון די עבודה, דארט איז געווען דער ארון מיט די לוחות הברית, די תורה הק'. און אויף דעם איז געווען שני כרובים, וואס זענען געווען פניהם איש אל אחיו (שמות כה-כ), איינער האט געקוקט אויפן צווייטן, דער פנים איז געווען איינער אקעגן צווייטן. ווי עס שטייט אין חז"ל (יומא נד.), אז דאס איז א רמז אויף איש ואשה זכו, שכינה שרויה ביניהם. ווען עס איז דא די שני כרובים וואס געפונען זיך אויף א הייליג פלאץ, און עס איז פניהם איש אל אחיו, עס איז מיט א ליבשאפט, מיט א נאנטקייט איינער צום צווייטן, איז דא דארטן די שכינה. א יודישע שטוב איז א פלאץ וואו די שכינה רוהט, אז מען איז זוכה. לא זכו, אז מען איז נישט זוכה, זאגט די גמרא, ח"ו אש אוכלתן, עס ברענט א פייער.

**ד' אויפגאבע פון א יודישע מאמע איז, חינוך הבנים, מחנך צו זיין די קינדער. זיי מגדל זיין, און מחנך זיין, אריינלייגן אין זיי ליבשאפט צו תורה, ליבשאפט צו יודישקייט.** דאס ווארט ארויסגעברענגט דורך דעם וואס א מאמע רעדט צו א קינד. אבער אסאך און אסאך מער, פון רעדן אומדירעקט, וואס טוט אסאך מער אויפטון, און עס גייט אריין אינעווייניג אינעם קינד. **ווי אזוי א מאמע פירט זיך אין שטוב, ווי אזוי אירע מידות זענען, און אזוי ווייטער, דאס איז מחנך די קינדער אין שטוב!** קינדער קוקן ארויף אויף עלטערן, וואס זיי זעהן ביי דעם טאטען און ביי די מאמע, איז ביי זיי הייליג, און דאס איז דער וועג- ווייזער פאר זיי, ווי אזוי זיי דארפן זיך פירן. די קינדער שפיגלען אפ וואס די עלטערן זענען. אז מען וויל וויסן ווי אזוי א שטוב איז, מען קוקט אן א קינד ווי אזוי ער פירט זיך, קען מען וויסן דערפון ווי אזוי די הנהגה איז אין שטוב. אם לא תדעו לך היפה בנשים, צאו לך בעקבי הצאן (שיר השירים א-ח). אויב דו ווייסט נישט, היפה בנשים, ווער עס איז דער יפה וואס איז דא צווישן נשים. ווער איז די געלונגענע, ווער איז די אשה כשרה וואס איז דא אין א יודישע שטוב. צאו לך בעקבי הצאן, דאס דערקענט זיך אין די קינדער. קינדער ווערן נתחנך פון די עלטערן ווי אזוי זייער הנהגה איז. **א מאמע איז א מחנך אין שטוב פיר און צוואנציג שעה! נישט נאר ווען זי רעדט, נישט נאר ווען זי פארלאנגט עפעס, נאר איר גאנצע רעדן און באוועגן**

**זיך אין שטוב, ווי אזוי זי ענטפערט א טעלעפאון, ווי אזוי זי נעמט אויף א מענטש, ווי אזוי זי רעדט צו איר מאן, און ווי אזוי זי רעדט צו די קינדער, דאס בויט אויף דאס קינד, זיך אראפצולערנען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.** א שבת, א יום טוב, די לופט פון די שטוב צו עס זאל זיין א דערהויבענער זמן, דאס ברענגט די מאמע אריין אינעם שטוב, ווי אזוי די שטוב זאל אויסקוקן. און דאס ווארעמקייט, דאס באגלייט דעם קינד שטענדיג.

**די** מאמעס וואס געפונען זיך יעצט דא אין דעם זאל, און מען רעדט דאך פון הונדערטער מאמעס, די שטעלן אויף דעם קומענדיגן דור. הונדערטער משפחות וועלן ארויסגיין פון די מאמעס, וואס זיי וועלן זיך פירן אין די וועגן וואס זיי האבן געזעהן ביי זייערע מאמעס. און ווען א מאמע האט דאס פאר די אויגן, אז זי איז א מחנכת יעצט פארן קומענדיגן דור. ווי אזוי איך פיר מיך, דאס וועט האבן א ווירקונג אויף די קינדער שפעטער. וואס איך טוה גוט, וועט האבן א גוטן ווירקונג, און ח"ו אז מען טוט א זאך וואס איז נישט ריכטיג, אומדירעקט לאזט עס איבער א רושם אויף די דורות שפעטער.

*

**יעדער** ווייסט, מען האט שוין פריער ארויסגעברענגט, די נסיונות היינט זענען אזעלכע שווערע נסיונות, וואס איז קיינמאל נישט געווען אין כלל ישראל אין אזא מדריגה אזוי ווי עס איז יעצט. די וועלט איז זייער געזונקען, נידריג נידריג, איז ווייניג צו זאגן ווי אזוי די גאס פירט זיך. עס איז זייער גרינג היינט פאר יונגע קינדער צו ווערן נאכגעשלעפט נאך אנדערע. דער קשר וואס איז היינט דא צוצוקומען צו אלעם אויף די וועלט, פון יונגערהייט אן, די נייגער וואס איז דא צו די גאס, און די וועג צוצוקומען צו יעדע זאך, איז אזוי גרינג, אז עס איז שווער אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין.

**וויפיל** הערט מען ליידער, און עס בלוטיגט די הארץ צו הערן, טאג נאך טאג, ווי מען האט פריער ארויסגעברענגט, וויפיל חשוב'ע משפחות איז דא וואס פארלירן קינדער, עס גליטשט זיך א זון, עס גליטשט זיך א טאכטער, א בחור הייבט אן צו פארלירן דעם חשק פון תורה און יראת שמים, א מיידל הייבט אן פארטשעפעט צו ווערן, און גייט נישט אויף ריכטיגע וועגן. די ווייטאג איז געוואלדיג! און קיינער איז נישט געזיכערט אויפן עתיד וואס עס וועט זיין ביי אים אין זיין משפחה.

**אבער** אונז טוה מיר וואס אונז קען מיר. נאר א שטוב וואס איז געבויט אויף פעסטע יסודות אין יודישקייט, די שטוב וועט זיך האלטן! **א שטוב וואס איז געבויט געווארן אויף ליבשאפט צו תורה, ארויסצוברענגען שטענדיג די שיינקייט פון דרכי התורה. ארויסברענגען פאר די קינדער די פראכט וואס איז דא ווען מען פירט זיך ווי ערליכע יודן פירן זיך, און אז דאס וועלן זיי נישט געפינען אין ערגעץ אין די וועלט, נאר אין א היימישע שטוב. פאר טעכטער וואס דארפן זיין באשיידן, דארף מען ארויסברענגען די וויכטיגקייט פון באשיידענקייט, נישט פרובירן נאכצוגיין נאך די גאס, ווי אזוי דער גוי גייט, און נאכגיין יעדע זאך וואס דער גוי האט מכשיר געווען איז גוט פאר אונז.** אונז דארף מיר זיך צושטעלן צו די טייערע ערליכע יודישע שטובער וואס זענען דא, וואס גייען אנגעטון און פירן זיך אויף די דרכי התורה, דאס דארף זיין די מוסטער פאר אונז, ווי אזוי אונז דארף מיר זיך צו פירן.

**כדי** מען זאל קענען זיין אן ערליכע מאמע, וואס זאל דאס קענען אריינגעבן אין די קינדער, מוז די מאמע אליין זיין אויפגעבויט מיט איר השקפה, צו פארשטיין וואס די ריכטיגע וועג איז, אז מען זאל דאס קענען איינפלאנצען שפעטער אין די דורות. **עס איז היינט דא ב"ה שיעורי תורה און מוסר, וואס מען קען הערן אויף די טעלעפאון ליינס.** עס איז דא אסאך, וואס יעדער קען אסאך קונה זיין דערפון, און זיך געוואוינען צו הערן דברי תורה, צו הערן מוסר, צו ווערן א מוסטער אליין ווי אזוי מען גייט אנגעטון, און ווי אזוי מען פירט זיך, און ווי אזוי מען רעדט, זיין א דוגמא פאר די קינדער צו גיין אויפן ריכטיגן וועג.

**דער** אמת איז, אז עס איז אפילו נישט וויכטיג ארויסצוברענגען וואס מען האט ביז יעצט געזאגט, דאס איז די שאיפה, אויף דעם שטרעבט יעדע יודישע מאמע. אויף דעם בעהט זי טאג נאך טאג, אז דער אייבערשטער זאל איר געבן, אז זי זאל קענען האבן ערליכע יודישע קינדער וואס זאלן אויפשטעלן שיינע יודישע שטובער. יעדן שבת ווען מען צינדט ליכט, בעהט מען אויף ערליכע קינדער, קינדער תלמידי

חכמים. טעכטער וואס זאלן זיין צניעות'דיג, און זיי זאלן קענען חתונה האבן צו תלמידי חכמים.

**יעדער** וויל זיין גוט, און יעדער מיינט באמת די בעסטע וואס ער קען טון פאר דעם חינוך פון זיינע קינדער. עס איז אבער דא אסאך זאכן וואס איז אומוויסענדיג פאר עלטערן. זיי פארשטייען נישט די נסיונות וואס אונזערע יונגע קינדער דארפן אדורכגיין, און אסאך מאל האט מען א חלק דעריין אויך. מען האט נישט גענוג געהיטן די שטוב, אז עס זאל נישט אנקומען ווי מען קומט אן. עס איז נישט וועגן דעם ווייל מען טוט גרינגשעצן, נאר זיי פארשטייען נישט וויפיל שאדן עס איז דא פאר היינטיגע קינדער וואס אסאך מאל קומט עס פון די שטוב אליין. אומוויסענדיג קען מען אסאך מאל גורם זיין אפצוקילען דאס ווארימע יודישקייט פון די קינדער, און מען ברענגט אריין אין די שטוב א ווינט פון די גאס, א קאלטן ווינט, א מאדערנער ווינט אין די שטוב אריין. עס איז נישט קיין ספק, ווען זיי וואלטן געוואוסט די תוצאות וואס וועט זיך אויסלאזן דערפון שפעטער, וואלטן זיי עס נישט געטון פאר כל חללי דעלמא. וויפיל געלט מען זאל זיי געבן וואלט זיי זיך אפגעהיטן דערפון. ווייל ביי אונז אלע איז דער חינוך פון אונזערע קינדער די חשוב'סטע וואס איז דא אין אונזערע אויגן. עס פעלט נאר די ידיעות, צו וויסן וואס די פראבלעמען זענען, און ווי ווייט מען דארף זיך קענען היטן דערפון.

*

**מען** האט פריער גערעדט פון טעכנעלאגיע. טעכנעלאגיע האט צובראכן אלע מחיצות וואס איז געווען אויף די וועלט. יעדער איינער קען וויסן וואס טוט זיך פון איין עק וועלט ביז די אנדערע עק וועלט. וואס עס טוט זיך זאכן וואס איז אפען, און זאכן וואס עס איז באהאלטן. אלעס איז אפען אויף סטעטע"ס, פעיסבו"ק, וואטסע"פ און אזוי ווייטער. **מען מיינט אסאך מאל אז ווען מען האט א פילטער אין שטוב, איז מען געזיכערט אז קינדער קומען נישט אן.** איך האב גערעדט נישט צו איינעם, און נישט צו צוויי, וואס קענען זיך אויס אין דעם פעלד, **עס איז נישט דא קיין פילטער וואס קינדער קענען נישט אדורכברעכן! עס עקזיסטירט נישט אזא זאך!** זיי דארפן נאר קענען און וויסן דעם וועג ווי אזוי מען טוט עס. אונזערע קינדער זענען זייער סאפיסטיקירט. וואס אונז פארשטייי מיר נישט, כאפן זיי אויף אין מינוטען. און ווען זיי האבן א זאך מיט א פילטער, קענען זיי אנקומען וואו זיי ווילן! און מען זאל עס נישט נעמען פאר גרינג! איך האב געגעבן א פילטער פאר מיין קינד, און עס איז גוט. **א פילטער איז גוט פאר איינעם וואס וויל זיין ערליך, און ער וויל זיין אפגעהיטן, האט ער א געפילטערטע כלי ביי זיך אין שטוב, איז ער געהיטן. עס בלאקט אבער נישט פאר קיין קינדער! עס בלאקט נישט פאר איינעם וואס קען זיך אויס אין טעכניק, וואס ער קען אלעס אוועררייד"ן און זיך א עצה געבן.**

**ווען** עס האט זיך אנגעהויבן דער פראבלעם פון טעקנאלעדזש"י מיט יארן צוריק, האט עס אויסגעקוקט ווי א פארלוירענע מלחמה, עס איז נישט מעגליך אז מען זאל זיך קענען אקעגן שטעלן די וועלט. דאס איז די נייע וועג ווי אזוי מען גייט לעבן, און אן דעם וועט מען נישט קענען עקזיסטירן. און מען האט דעמאלטס צוזאמגענומען 'כינוס כלל ישראל' אויפצוקלערן די פראבלעמען מיט די חורבנות וואס עס ברענגט אלץ צו. ב"ה, מען האלט יארן שפעטער, עס איז היינט דא הונדערטער, און איך וועל זאגן טויזנטער משפחות, וואס לאזן נישט אריין ביי זיך אין שטוב א סמארט-פאון. זיי האבן אנגעהויבן צו אנערקענען די שאדן וואס עס ברענגט. די שאדן וואס עס קען ברענגען פאר זייערע קינדער, און די שאדן וואס עס ברענגט פאר זיך אליין אין שטוב. איינער וואס איז עדיקטע"ט דערצו, ווען דער מאן קומט אהיים, האט זי נישט קיין מאן, די קינדער האבן נישט קיין טאטע, און דאס איז זאכן וואס יעדער ווייסט אז עס איז אזוי. און מען האט אנגעהויבן איינצוזעהן, אז מען קען זיך אן עצה געבן, מען קען לעבן אן דעם, און עס איז נישט דא די וויכטיגקייט דערפון, אז פארדעם זאל איך פארלירן מיין מאן, און מיינע קינדער.

**א שטוב וואו עס דרייט זיך ארום א סמארט-פאון, ווערן די קינדער עקספאס"ט צו אלע וועגן ווי אזוי די גוים פירן זיך.** צו אלעם וועלן זיי אנקומען דערמיט. מען רעדט נישט פון אדורכברעכן א פילטער, נאר פשוט די כלי אליין, די זאכן וואס זענען נישט געבלאק"ט, קען מען צוקומען צו אלעם וואס עס טוט זיך אויף די גאס און אויף די וועלט, און מען איז עקספאז"ט צו יעדע זאך. און די קינדער טוען עס

בהיתר, מיין טאטע טוט עס, מיין מאמע טוט עס, מעג איך עס אויך טון. ער ווערט אפילו נישט אפגעהיטן פון צו טון, ווייל אז עלטערן טוען אזוי, איז דאס נארמאלע חינוך. איך בין מחנך מיין קינד, אז ער קען עס אויך נוצן. און אז נישט יעצט, וועט ער עס נוצן שפעטער.

**און** שפעטער ווען מען זעהט אז עס האט זיך אנגערופען ביי די קינדער, 'מיין קינד איז שוין נישט דער זעלבער ווי ער איז געווען אמאל', קען מען נישט זאגן, אז מיר זענען נישט שולדיג דערויף. מען קען נישט זאגן, ידינו לא שפכו את הדם הזה, מיר זענען ריין. ווייל א שטוב וואו מען גיט א געלעגענהייט אז א קינד קען צוקומען אויף פלעצער ווי ער דארף נישט צוקומען, צו זאכן וואס ער וואלט נישט געדארפט וויסן אז עס עקזעסטירט אויף די וועלט, קומט מען צו דערצו.

**זכה** עוזרתו, דער אייבערשטער האט געגעבן א זכיה פאר א יודישע מאמע, אז זי זאל קענען מחנך זיין אירע קינדער, שמגדלת את בנינו. זי זאל זיין מצילות אותנו מן החטא, מציל צו זיין די מענער נישט צוצוקומען צו קיין חטא. **מען דארף געבן חיזוק פאר'ן מאן. ער פלאגט זיך מיט געוואלדיגע נסיונות.** די גאס איז זייער געזינקען, און ער דארף זיך דרייען אויף די גאס, און ער דארף זיצן מיט דעם גוי צוזאמען, ער דארף הערן פון דעם גוי, און ער דארף זעהן זאכן וואס ער וואלט נישט געוואלט זעהן. און געבן חיזוק פאר אים אנצוהאלטן זיין ערליכקייט, און זיין יודישקייט.

**אפילו** ווען ער דארף האבן א סמארט-פאון פאר זיינע ביזנעס, דארף מען אים בעהטן, אז ער זאל עס נישט אריינברענגען אין שטוב! האסט נישט קיין ברירה, דארפסט עס האבן פאר דיינע ביזנעס, נעם עס אין די קאר, לייג עס אוועק בעפאר דו קומסט אריין אין שטוב. **איך וויל אז די שטוב זאל זיין א ריינע שטוב. איך וויל נישט מיינע קינדער זאלן זיין עקספאס"ט צו אלעם וואס טוט זיך אויף די וועלט.** און מען קען עס פאדערן מיט רעכט, אז מען זאל עס נישט אריינברענגען אין שטוב. א מאמע איז בארעכטיגט צו ערציען וואוילע קינדער, און מען איז נישט בארעכטיגט דאס קאליע צו מאכן, און אריינברענגען אזא מין כלי וואס קען דאס אוועקנעמען.

**געבן** חיזוק פאר א מאן, בשעת מען זעהט אז עס איז דא א שינוי, א טויש, אין די הנהגה ווי אזוי ער האט זיך געפירט, פון ווען מען האט חתונה געהאט. ער איז נישט דער זעלבער וואס ער איז געווען בשעת ער האט חתונה געהאט, ער האט זיך געטוישט זיין לבוש, אדער בכלליות איז ער געווארן אנדערש. מען דארף אים מחזק זיין, מען דארף אים געבן כח ער זאל קענען אנהאלטן אין די נסיונות וואס מען גייט אדורך. פונקט ווי א אשה כשרה גיט חיזוק פאר א מאן בשעת די ארבעט גייט אים נישט ווי עס דארף צו זיין, די פרנסה איז נישט ווי ער וואלט געוואלט, די בריאות איז נישט ווי עס דארף צו זיין, פארשטייט זי אז איר פליכט איז צו געבן חיזוק פארן מאן. די זעלבע דארף זי געבן חיזוק אין די עבודת הקודש, וויסן אז ער גייט אדורך שווערע נסיונות, און שעצן ווען מען האט אן ערליכן מאן, און בעטן אז די שטוב זאל זיין א ריינע שטוב, מען זאל נישט אריינברענגען אין שטוב א זאך וואס מען דארף נישט.

*

**'אל תטוש תורת אמך', איז די יסוד פון יודישקייט!** אונז לעב מיר מיט א מסורה. וואס איז געווען ביי אונזערע עלטערן, פרוביר מיר אונז נאכצוטון. אונז רוק מיר זיך נישט אוועק, פון וואס עס איז געווען חשוב ביי זיי. און אזוי דארף מען מחנך זיין די קינדער, נישט זיך טוישן פון א זאך וואס איז געווען ביי אונזערע עלטערן, סיי אין וועג ווי אזוי מען גייט געקליידעט, סיי וואס מען ברענגט אריין אין שטוב, סיי די מנהגים וואס איז געווען ביי אונזערע עלטערן, דארפן מען שטארק מחשיב זיין, און גיין אויף דעם וועג.

**און** באמת מעג יעדע יודישע מאמע נעמען צייט, און מאכן א חשבון הנפש אויף זיך אליין אויך. וויפיל איז זי געטוישט געווארן פון ווען זי איז געווען אן ערליך קינד ביי די עלטערן אין שטוב, און ווי אזוי זי זעהט אויס היינט. וואו איז געשען די טשענדזשע"ס, וואו האט מען זיך אוועקגערוקט פון דעם וואס איז געווען, און פרובירן צוריק צושטעלן וואס מען דארף.

**די** מוסדות לייגן אריין געוואלדיגע כוחות אין חינוך פון קינדער, סיי ביי די זון און סיי ביי די טעכטער. און עלטערן דארפן דאס מחזק זיין, עלטערן דארפן עס צושטופן. **עס טאר נישט זיין קיין סתירה צווישן**

**די וועג וואס מען זעהט ביי די עלטערן, צו דעם וואס מען לערנט מיט די קינדער.** עס ארבעט נישט, עס איז נישט קיין חינוך, ווען פון איין זייט איז מען מחנך דאס קינד אז דאס און דאס און דאס דארף נישט זיין, און ווען מען קומט אהיים פירט מען זיך אנדערש, און מען טוט נישט וואס מען לערנט, און אמאל לאכט מען נאך אפ, מען מוז דאך פארענטפערן ווי אזוי מען פירט זיך, לאכט מען אפ פון די פרומקייט וואס מען האט פארלאנגט ביי די קינדער. דאס איז א געוואלדיגע סתירה אין מחנך זיין קינדער. עס קען נישט אויסוואקסן נארמאלע ערליכע יודישע דורות, ווען עס איז נישט דא איין דעה, טאטע מאמע מיט די מחנכים פון די סקול און פון די תלמוד תורה.

**מען** טראכט אמאל אריין, ווען א טאכטער זעהט, אז א מאמע פירט זיך נישט אזוי ווי די רבנים האבן געהייסן. איז דאס אינעם לבוש, איז דאס אינעם שייטל, איז עס אין טעכנאלאגיע, וואס עס זאל נאר זיין. וואס פאר א מעסידז"ש גיט זי איבער פאר די קינדער מיט דעם? דאס קינד ווייס דאך, זי ליינט, דאס קינד הערט און ווייסט וואס די רבנים זאגן צו דעם און צו דעם. און אז מען זעהט אין שטוב אז מען פירט זיך נישט אזוי, דאס זאגט א מעסידזש פארן קינד. די מעסידזש איז צוויי זאכן, אדער אז דער רב קען זאגן אזוי, אבער עס איז קיינעם נישט מחייב, און מען קען טון אנדערש. מען האט פריער געהערט, עס איז איבערגעטריבן, מען איז פרום וכדומה, און דאס קינד ווערט מיט דעם ערצויגן. און שפעטער ווען דאס קינד ווערט גרעסער, און מען האלט עפעס פאר פארן קינד, ענטפערט די קינד צוריק די זעלבע, עס איז נישט געפערליך וואס דער רב האט געזאגט, מען קען טון אנדערש.

**און** אז דאס קינד איז יא ערליך, און דאס קינד פארשטייט, אז וואס דעת תורה האט געהייסן, דארף מען אזוי טון, שטעלטס ענק פאר מיט וואס פארא אויגן דאס קינד קוקט אויף די עלטערן. די עלטערן ווערן אראפגעזעהן ביי די קינדער, ווען מען פירט נישט די שטוב אזוי ווי עס פארלאנגט זיך. און אז מען קוקט אראפ אויף די עלטערן, פארלירט מען נאכדעם די גאנצע השפעה וואס מען דארף צו האבן אויף זיי.

*

**ווען** מען רעדט פון צניעות, וואס דארף א תיקון אין זייער אסאך שטובער. די שייטלען וואס ווערן לענגער פון יאר צו יאר, וואס **אלע גדולי ישראל האבן גע'אסר'ט צו גיין מיט לאנגע שייטלען. שייטלען וואס קומט אראפ לענגער פון די אקסלען, האבן גדולי ישראל גע'אסר'ט צו גיין דערמיט. פארשידענע סטייל"ס וואס מען מאכט פון די שייטלען, וואס איז נאר געמאכט געווארן צו עטרעקטע"ן ווען מען גייט ארויס אויף די גאס. די נייע לעי"ס שייטלעך וואס איז א פרישע פירצה, וואס אלע גדולי ישראל האבן עס גע'אסר'ט! אין גם אחד, סיי פון די חסידישע וועלט, פון די ליטווישע וועלט. און די רבנים אין בארא פארק האבן ארויסגעגעבן א איסור דערויף, אז מען טאר נישט זאגן אפילו א דבר שבקדושה דערקעגן. מען קען נישט מאכן קידוש, און זאגן א ברכה, און בענטשן, ווען מען זיצט אקעגן אזא שייטל.**

**די** חשיבות פון צניעות שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ג קכה:), און דער משנה ברורה (סימן ע"ה סקי"ד) ברענגט עס צו, און איך וועל נאכזאגן זיין לשון. ער זאגט, אז ווען עס פעלט צניעות אין שטוב, איז עס גורם ארימקייט אינעם הויז, און עס ברענגט אז די קינדער זאלן נישט האבן קיין חשיבות אין די וועלט, און די סטרא אחרא וואוינט אין די שטוב. זאגט דער זוהר הק', וועגן דעם דארף מען זייער שטארק אכט געבן אויף צניעות אינעם שטוב. און אז מען טוט אזוי, זאגט ער אז די ברכה דערפון איז, בניך כשתילי זיתים, דיינע קינדער וועלן וואקסן אזוי ווי זיתים, די קינדער וועלן זיין חשוב מער ווי אלע אנדערע, דיין מאן וועט ווערן געבענטשט מיט אלע ברכות פון אויבן און פון אונטען, עשירות רעכנט ער אויס, קינדער און אייניקלעך. צניעות דאס ברענגט אריין די ברכה אינעם שטוב.

**מען** מאכט חתונה קינדער, און יעדער וויל דאך אויפשטעלן ערליכע יודישע דורות. עס איז דא געוויסע זאכן וואס מען דארף זיך אויסנעמען, בשעת מען טוט א שידוך מיט קינדער. אז מען האט א זון, וואס איז אן ערליכער, ער לערנט און אזוי ווייטער, און ער וויל פירן א ערליכע יודישע שטוב. און אסאך מאל טוט מען א שידוך וואס איז נישט צוגעפאסט צו דעם זון, אז מען זאל זיך פירן אזוי ווי עס דארף צו זיין. עס איז נישט קיין עוולה, און **מען וואלט עס געדארפט איינפירן, אז בשעת מען שליסט**

**א שידוך זיך אויסנעמען, צוויי זאכן. איינס, מען זאל נישט גיין מיט קיין לאנג שייטל. און צווייטנס, נישט אריינברענגען קיין סמארטפאו"ן אין שטוב.** אנהייבן די שטוב, צו לעבן מיט אן ערליכקייט. אז מען הייבט נישט אן די שטוב ערליך, ווי אזוי קען מען ערווארטן שפעטער אז עס זאל זיין די גדרים וסייגים וואס א שטוב דארף האבן.

**מען** מאכט חתונה די טעכטער, און מען גייט קויפן שייטלעך, דארף מען זאגן פאר די טאכטער, **איך קויף דיר אזא שייטל ווי איך גיי, נישט קיין ערגערע שייטל. איך גיי נישט אויסגעבן געלט, און דיך מחנך זיין, אז דו זאלסט עובר זיין אויף אל תטוש תורת אמך. איך בין אזוי געגאנגען, מיין מאמע איז אזוי געגאנגען, איך וויל אז דו זאלסט אויך אזוי גיין.** די שייטל מאכערס זענען מכשיל את הרבים. זיי טוען צו רעדן צו קויפן לאנגע שייטלעך, עס איז בעסער פאר זייערע ביזנעס. און דער וועג ווי אזוי זיי טוען צורעדן איז, זיי זאגן: קודם קויף א לאנג שייטל, ווייל קורצער קען מען דאך עס מאכן שטענדיג, אבער אז דו ווערסט אפשניידן יעצט, וועסטו עס נישט קענען לענגער מאכן. און מען הייבט אן אזוי, און שפעטער, פארשטייט יעדער איינער, אז קיינער גייט שוין נישט צוריק מען זאל איר אפשערן פונעם שייטל. און דער מאן, דער חתן, איז דאך אן איידעלער, ער וועט נישט גיין זאגן פארן ווייב, און פאר די שוויגער, אז די שייטל וואס מען האט געקויפט איז א זאך וואס ער וואלט נישט געוואלט.

**מען** דארף זעהן בשעת מען קויפט עס, אנהייבן אויפצושטעלן א שטוב, אז די שטוב זאל זיין ערליך, עס זאל זיין געבויט, אז אין די שטוב גייט מען אנגעטון איידל, אין די שטוב קומט נישט אריין קיין סעלפאונס וכדומה, עס איז נישט וויכטיג פאר א שטוב עס זאל זיין נאך די חתונה א סמארט-פאון אינעם שטוב.

**איך** פלעג אסאך מאל צו ראטען, אז מען זאל אליין קויפן פשוטע סעלפאונס פאר די קינדער, און מיטגעבן צוזאמען צו די חתונה, דא האסטו א פשוטען סעלפאון און מען זאל עס אויסצאלן פאר א יאר, אז עס זאל נישט קאסטן קיין געלט אויך נישט, מען זאל נישט האבן קיין תירוץ אז מען דארף זיך קויפן א נייעם סעלפאון.

**ווי** אזוי מען גייט אויף דער גאס, דאס טוט בויען צניעות אויף די גאס, און דאס טוט קאליע מאכן דעם צניעות אין די גאנצע שטאט. אז מען גייט ארויס אויף די גאס איידל, מען גייט ארויס מיט א כשר'ע שייטל, מען גייט ארויס אויף א וועג ווי עס איז באשיידן, גייען אנדערע אויך אין דעם זעלבן וועג, און מען האט א כח. ווען עס איז דא א פאר יודישע ווייבער וואס גייען ארויס ערליך אויף די גאס, דרייט עס איבער דער רוח פון די גאס. און ח"ו פארקערט, אז מען גייט ארויס נישט באשיידן, מאכט מען אז אנדערע זאלן נאכטון די זעלבע. בפרט אויב זי איז טאקע א ערליכע יודענע, און זי איז דאך א וואוילע, און מען זאגט, קוק זי גייט אויך אזוי, פארוואס זאל איך נישט גיין אזוי. מען קען אסאך מער אראפברענגען דעם קרן הצניעות, און מען קען עס דערהייבן, מען האט א געוואלדיגן זכות הרבים אין וואס מען טוט.

*

**אונז** דארף מיר טראכטן, אונזערע עלטערן האבן נישט געהאט קיין סמארט-פאון'ס, און זיי האבן נישט געהאט די אלע כלים וואס מיר האבן. און פון דעסטוועגן דאך האבן זיי זיך אוועקגעריקט, עס איז אריינגעקומען אין די שטובער, און אונז האב מיר עס יא. וואס וועט זיין מיט אונזערע קינדער? מיט אונזערע אייניקלעך? וואס זיי ווערן ערצויגן, אז זיי זעהן ביי די עלטערן די כלים, און עס איז גוט. אין א פאר יאר ארום, וועט מען זיך נישט קענען כמעט קיין עצה געבן, אפילו פילטערן וואס מען קען היינט יא. עס וועט אזוי אריינקומען די טעכנעלאגיע אין די וועלט, אז עס וועט זיין זייער שווער זיך אפצוהיטן דערפון. וואו וועלן אונזערע קינדער אנקומען? אז מען איז כאטש אויפגעבויט פון די יוגענט, אז מען ווייסט אז מען איז אפגעהיטן, אז ביי מיין מאמע אין שטוב איז עס נישט געווען, מיין טאטע האט געזאגט, 'אז אין די שטוב קען עס נישט זיין, אן ערליכע שטוב האט עס נישט', האט מען א גדר פאר זיך, און די קינדער וועלן זיך אויך האלטן דערצו. אבער אז מען ווערט ערצויגן אין שטוב, אז עס איז גוט, מען קען עס האבן, עס איז נישט קיין פראבלעם, נו וואו וועלן שוין אונזערע קינדער ווייטער נאכגיין אין דעם וועג.

**מען** דארף מוסר זאגן פאר קינדער, **אז מען זעהט אז קינדער נאך די חתונה פירן זיך נישט ווי עס דארף צו**

**זיין, דארף מען זיך נישט שעמען, מען דארף עס זאגן. מען קען עס זאגן אויף א איידעלען וועג, מען קען עס זאגן אויף א וועג, ווי מען זאל נישט אנגרייפן יענעם, אבער ארויסברענגען די וויכטיגקייט ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.**

*

**וועז מען רעדט וועגן אנטון קינדער. עס איז געווארן היינט, אז קליינע קינדער - און עס וואקסט מיט ווען מען ווערט עלטער - טוט מען זיי אן מיט גוי"שע סטייל"ס. מען האט פארלוירן דעם חן, די שיינקייט וואס איז אמאל געווען אויף א קינד ווען ער איז אריינגעקומען שבת און יום טוב, מיט זיין שיינע ווייסע העמדעל און אזוי ווייטער. מען האט פארלוירן דעם חן, מען גייט אנגעטון מיט געקאלערטע קליידער, ווייל דער גוי גייט אזוי. און מען כאפט זיך נישט, אז מען טוט אן די קינדער אין א וועג וואס האט נישט קיין יודישן חן. אמאל שבתים איז יעדער געגאנגען אנגעטון ווייס, די מאמע איז געגאנגען מיט א ווייס טיכל, א ווייס שירצל, די קינדער האט מען אנגעטון א ווייס העמד, די מיידלעך זענען געגאנגען מיט ווייסע שטרומפ, די טישטוך אויפן טיש איז געווען ווייס. און היינט האט מען איינגעפירט אלעס, מען טוט זיך אן לויט די סטיילס, אין פארשידענע קאלירן.**

**עס איז געווארן זייער איינגעריסן מען קויפט פאר די קינדער הויזן וואס זענען שמאל, ווי אזוי די גוים גייען, עס האט נישט קיין יודישן טעם.** און פארוואס האט מען משנה געווען, פארוואס טוישט מען, פארוואס איז עס גוט געווען פאר ענקערע עלטערן צו גיין אזוי ווי נארמאלע מענטשען זענען געגאנגען, און פארוואס דארף מיר אונז אנטון אונזערע קינדער אויף וועגן ווי אזוי די גוים גייען? מען לערנט אויס די קינדער צו גיין אין גוי"שע סטיילס. און שפעטער ווינט מען, און מען בעהט ביי די ליכט, אז דער אייבערשטער זאל געבן, מען זאל האבן ערליכע יודישע דורות. און מען טוט זיי אליין מחנך זיין אסאך מאל אויף א וועג וואס איז נישט אויסגעהאלטן.

*

**ישראל** קדושים, יודען זענען הייליג, מען וויל גיין אויפן ריכטיגן וועג. אונז פארשטייי מיר אסאך מאל נאר נישט די סכנות וואס אונזערע קינדער שטייען אויס. עס איז זיכער, ווען מען וואלט ווען געוואוסט וואס פאר א פראבלעמען אונזערע קינדער האבן, ווען מען וואלט געוואוסט, ווי מען האט שוין פריער ארויסגעברענגט א טייל פון די מעשיות, און איך זאג עס דא ברבים, אז וואס מען האט געערעדט פריער איז ממש א טיפה מן הים פון וואס עס קומט פאר באמת. עס איז נישט דא א טאג וואס מען הערט נישט פון דעם און פון יענעם, וואס עלטערן וויינען אויף די קינדער, ווי אזוי זיי זענען קאליע געווארן. רובא דרובא ווערט מען נישט קאליע פון די גאס, עס האט זיך אנגעהויבן ביי זיך אינדערהיים, אויף א וועג ווען מען האט נישט געכאפט אז מען טוט א זאך נישט ריכטיג.

**ערליכע יודישע מאמעס, עטץ ווילטס האבן גוטע קינדער, מיטן גאנצן הארץ. פאר א גוט קינד וואלט מען אוועקגעגעבן אלעס וואס איז דא אין די וועלט,** ווייל אונז ווייס מיר, אז אין מלווין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, עס באגלייט גארנישט אויף יענע וועלט. נישט די שיינע הויז ווערט מען מיטנעמען, נישט די שיינע קליידער, און נישט די פורניטשע"ר, און נישט די זילבערווארג, און נישט די באנק ביכל, מען ווערט גארנישט מיטנעמען אויף יענע וועלט, אלעס ווערט בלייבן דא, נאר ערליכע דורות, דאס ווערט מען מיטנעמען.

**אז** מען ציהט אויף ערליכע יודישע קינדער, אז דער אייבערשטער האט געגעבן די זכיה, אז מען קען זיין א ערליכע יודישע מאמע, און ערציען אונזערע קינדער על דרכי התורה, און זיי האבן חתונה, און זיי שטעלן אויף יודישע שטובער, דאס באגלייט עלטערן לעולמי עולמים. ווען מען איז אין עולם הבא גייט מען פון איין היכל צו א צווייטן היכל, מען שטייגט לויט די מעשים טובים וואס די קינדער טוען. און דאס ליגט אין אונזער האנט! עס איז א שאד אז מען זאל שפעטער באוויינען וואס מען האט געטון. ח"ו, איין קינד דארף זיך נאר אוועקגליטשן, וויפיל עגמת נפש ליגט אין דעם, וויפיל ווייטאג ליגט אין דעם. וויפיל טויזנטערס גיט מען אויס נאכדעם פאר מחנכים וכדומה, אז מען זאל זעהן צו ראטעווען דאס קינד. און דאס אלעס קען מען מונע זיין, ווען מען הייבט אן צו פירן א הייליגע שטוב. מיין שטוב איז הייליג, אין מיין שטוב וויל איך נישט אריינברענגען א זאך וואס מען דארף נישט. אז מען דארף יא האבן, אפילו לצורך פרנסה, האט מען א

טעבלעט, א זאך וואס מען נעמט ארויס בשעת מען דארף איינקויפן עפעס, צו בשעת מען דארף פירן א געשעפט, אבער דאס איז נישט דער טעלעפאון וואס דרייט זיך ארום אין שטוב, וואס מען נוצט עס פיר און צוואנציג שעה. דעמאלטס ווערט מען אפגעהיטן, און די קינדער לערנען זיך אויס, אז דאס איז א ביזנעס כלי, דאס איז נישט קיין כלי וואס איז געמאכט געווארן צו באנוצן שטענדיג.

**איך** טראכט אסאך מאל, מען האט עס א נאמען געגעבן 'סמארט-פאון', עס איז א קלוגער טעלעפאון. דער טעלעפאון דערפון, איז ממש נאר א משהו מן המשהו, א קלייניגקייט פון וויפיל עס ווערט באנוצט. עס ווערט באנוצט פאר צענדליגער אנדערע זאכן אויסערן טעלעפאון, פארוואס האט מען עס א נאמען געגעבן אז עס איז א "סמארט-פאו"ן"? רוב זאכן וואס מען באנוצט זיך דערפון, איז נישט דער חלק הטעלעפאון.

**דער** גוי האט געוואלט אריינברענגען אינעם מענטש, אז דאס איז א כלי וואס דו מוזט זיך באנוצען דערמיט, דו קענסט נישט אוועקוקן דערויף. א פאו"ן דארף דאך יעדער האבן, מען מוז דאך רעדן, און דאס איז נאך א "סמארט-פאון", דער נאמען דערפון איז געמאכט געווארן מעיקרא אריינצוציען מענטשן, אז מען זאל מיינען אז מען קען נישט לעבן אן דעם, ווייל מען קען דאך נישט לעבן אן א טעלעפאון, און דא האב איך א קלוגן טעלעפאון, איז ממילא דרינגט עס אריין אין יודישע שטובער.

**אבער** דעם אמת דארף מען וויסן. דער פאון דערפון איז ממש א משהו מן המשהו וואס מען נוצט, צו דעם וואלט מען געקענט האבן א פליפ פאון, מען וואלט געקענט האבן אנדערע טעלעפאונען. עס ווערט גענוצט פאר צענדליגער אנדערע זאכן וואס האבן נישט קיין שום שייכות צו קיין טעלעפאון. און דאס אז מען געוואוינט די קינדער, אז זיי זאלען קענען אנקומען איבעראל, און קענען זעהן אלעס וואס טוט זיך ביי יענעם אין שטוב, און אליין צו וויסן וואס טוט זיך ביי יענעם אין שטוב, מה טובו אהליך יעקב (במדבר כד-ה) יודען האבן אלץ געלעבט באשיידן, מען האט נישט אריינגעקוקט צו יענעם, וואס יענער טוט, עס איז קיינמאל נישט געווען אפען פאר די גאנצע וועלט, ווי ער זיצט צוזאמען מיט זיין בני בית, און וואס ער טוט, און וואו ער פארט, און וואו ער גייט. מען האט אראפגענומען אלע מחיצות וואס איז דא, וואס טיילט אונז אפ צווישן די גוים.

**איך** אפעליר, און איך בעהט, יודישע מאמעס, האטס רחמנות אויף ענקערע קינדער! עס טוט וויי דאס הארץ צוצוהערן אזויפיל צרות וואס מען גייט אדורך. לאמיר זיך מחזק זיין, לאמיר זיך פארנעמען, איך וויל אפהיטן מיין שטוב, איך וויל מיין שטוב זאל זיין ליידיג, מיין שטוב זאל זיין אן ערליכע שטוב. און גיין באשיידן, און גיין מיט צניעות ווי עס פעלט אויס, וועט זיין א ברכה פאר די קינדער. עס ליגט אין אונזערע הענט, אונז זאל מיר קענען זעהן ערליכע יודישע דורות.

**באמת** שטרעבן מיר דאך אויפצושטעלן ערליכע יודישע קינדער, ערליכע יודישע שטובער, מען וויל דאך זעהן נחת דקדושה ביי די קינדער און ביי די אייניקלעך. זאל אונז דער אייבערשטער געבן די כוחות הנפש, עס איז שווער, ווי מען האט פריער גערעדט, איבערצושפרינגען, זיין אנדערש און אפגעזונדערט פון די וועלט, אבער אויף דעם זענען מיר יודען, אויף דעם האבן זיך אונזערע עלטערן מוסר נפש געווען, אויף דעם האבן אונזערע עלטערן זיך אוועקגעגעבן דאס לעבן מיט אסאך שוועריקייטן, כדי זיי זאלן מחנך זיין ערליכע יודישע דורות.

**יעדער** ווייסט אז איך בין נישט קיין עקסטרעמיסט, און איך רעד נישט קיין עקסטרעמע זאכן, און ווען איך זאג א זאך האב איך עס איבערגעטראכט נישט איינמאל און נישט צוויי מאל בעפאר איך האב עס געזאגט. עס איז זייער ווייט פון וואס מען האט גערעדט יעצט, צו אנרופן אז דאס איז עקסטרעם. עס איז פשוט עברי מיט טייטש וואס יעדעס קינד דארף וויסן, און פארשטיין, אז מען וועט אביסל זיך אריינטראכטן דערין, וועט מען זעהן אז דאס איז דער ריכטיגער וועג צו גיין. זיך נישט לאזן ווערן עדיקטעט צו די היינטיגע טעכנעלאגישע כלים, וואו מען פארלירט אלעס! מען פארלירט דעם גאנצן קשר צווישן זיך און די משפחה, און אזוי ווייטער. אסאך מאל האט מען א מאן, און מען האט קינדער, אבער א משפחה האט מען נישט. עס פעלט דער קאנעקשע"ן, ווי מען האט פריער גערעדט, עס פעלט דאס צוגעבינדנקייט.

**ווען** א שטוב איז ליידיג, איז ווען די קינדער קומען אהיים, איז נישט דא עפעס אנדערש אויף די וועלט, נאר זיצן מיט די קינדער צוזאמען, און פארציילן פאר זיי מעשיות, אויסהערן וואס עס קוועטשט זיי, און אזוי ווייטער, דאס האט צוגעבינדן קינדער אין אלע דורות. עס איז היינט געווארן אפגעהאקט די קינדער פון די עלטערן, א מאמע קען נישט זאגן פאר א קינד עפעס, א טאטע זאגט נישט פאר א קינד עפעס. זיי זאגן, מיר האבן נישט די קאנעקשען, זיי ווילען אז דער רב זאל זאגן. ער גייט צו דעם מלמד, אז דער מלמד, דער ראש ישיבה, דער מגיד שיעור זאל רעדן צו אים, די סקול זאל רעדן. וואו איז טאטע מאמע? פארוואס קענסטו נישט רעדן צו דיין קינד? ווייל איך בין אפגעהאקט פון מיין קינד, איך האב נישט קיין קאנעקשע"ן מיט אים. ווער האט דיך אפגעהאקט? דו אליין. ווען מען ווייסט אבער, אז ווען קינדער קומען אהיים אין שטוב, איז נישט דא עפעס אנדערש אויפן קאפ נאר די קינדער, דאס טוט מחזק זיין, דאס טוט מקשר זיין די דורות צוזאמען.

**זאל** דער אייבערשטער אונז געבן, אונז זאל מיר קענען ערציען ערליכע יודישע דורות ווייטער אויך. מיר זאלען זעהן אלע אסאך יודיש נחת ביי די קינדער און ביי די אייניקלעך עד סוף כל הדורות. אלע זאלן זיין געזונט און שטארק, מיט די בני בית אינאיינעם. און מיר זאלן קענען צוזאמען אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

*__יום חמישי פרשת בשלח__*

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **נחום פריינד** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

*__מתוך השיחה:__*

**נסוב השיחה אודות ה'באיאן'ער קלויז' באיסט סייד**

**רבינו:** דער קלויז שטייט נאך?

**הר"ר נחום:** יא.

**רבינו:** עס איז דא א מנין דארט?

**הר"ר נחום:** יא. מיין טאטע ז"ל פלעגט יעדן אינדערפרי פארן קיין איסט סייד. ער איז אוועק מיטוואך (פ' מקץ העעל"ט), דינסטאג אינדערפרי האט ער נאך געדאווענט שחרית אין די איסט סייד.

**רבינו:** שבת איז אויך דא א מנין?

**הר"ר נחום:** יא. עס איז דא עטליכע וואס גייען אריבער פון דא, און מען האלט אויף דעם מנין.

**רבינו:** איך בין איינס צוויי מאל אריבערגעגאנגען שבת די וויליאמסבורג בריק מיט **מיין טאטן ז"ל**, צו א ברית אין די באיאן'ער קלויז. - חנוכה פלעג איך גיין יעדעס יאר צו חנוכה ליכט ביים **באיאן'ער רבי זצ"ל**. איך פלעג צו גיין בדרך כלל ווען עס איז געווען ראש חודש, ווייל ראש חודש האט ער געטרינקען לחיים נאך די זמירות. - ער האט געצינדען אין א גרויסע מנורה, מיט א וואנט. ווער האט עס היינט?

**הר"ר נחום:** איינע פון די קינדער.

**רבינו:** עס איז נישט ביים רבי'ן היינט?

**הר"ר נחום:** א היבשע צאל יארן האט מען עס געטראגען חנוכה אויף ארץ ישראל, דער רבי זאל צינדען, און מען האט עס צוריקגעברענגט.

**רבינו:** איך געדענק אז מען האט דעמאלטס געזאגט, אז ארגינעל האט עס געהאט א גרויסען דיאמאנט, עס איז געלעגן אינדערמיטן פון די מנורה, אבער עס איז שוין נישט געווען. עס איז געווען א פלאץ וואס איז געווען אויסגעהוילט אריינצולייגען א שטיין. וועלכע יאר איז אוועק דער רבי.

**הר"ר נחום:** תשל"א.

**רבינו:** איך פלעג צו גיין מיט מיין ברודער **דער סערדאהעלער רב**.

**הר"ר נחום:** די לעצטע יאר איז שוין לכאורה געווען אין די וועסט סייד.

**רבינו:** איך געדענק נישט נאר אין די איסט סייד אין די קלויז, איך בין געווען איינמאל אין די וועסט סייד אויך, זיך גזעגענען, אבער איך געדענק נישט צו עס איז געווען חנוכה צו נישט, קען זיין אז עס איז געווען חנוכה. ער איז געווען ביים זון אין שטוב.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן **מרדכי אליקים** ני"ו, בן הר"ר **אברהם זאב כף** הי"ו, עב"ג בת הרה"ג **רבי שמשון ראאב שליט"א**, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שלמה זלמן קליין** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל הרבנים שליט"א בני **כ"ק האדמו"ר מאלעסק זצ"ל**.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***<u>שבת קודש פרשת בשלח</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. וסיפר כמה סיפורים **מהגה"ק בעל פני יהושע זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום י"ד שבט), ומאת **הרה"ק רבי מרדכי מלעכאוויטש זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום י"ג שבט). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אברהם ברוך באב"ד שליט"א**.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **מרדכי אלקים כף** הי"ו, חתן הרה"ג **רבי שמשון ראאב שליט"א**.

במוצאי שבת עלה **רבינו שליט"א** לבית הר"ר **משה אהרן פישער** הי"ו, שהשתתף בסכום גדול לבניית בנין הישיבה גדולה בשכונת איסט-פלעטבוש. **רבינו שליט"א** קבע מזוזה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשתתפים.